STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05638

# TSVISHN ITST UN KEYNMOL

L. Aichenrand

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Isabelle Persh*
*in memory of*
*her parents, Isidor & Rosella Persh*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייזער אייכענראַנד

# צווישן איצט
# און קיינמאָל

פאַרלאַג „תמיד"
תל־אביב . תשמ"ד

L. AICHENRAND
TZWISHN ITZT UN KEINMOL

© Printed in Israel 1984
נדפס בישראל תשמ״ד

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון „קרן תל־אביב לספרות ולאמנות״

דפוס משה חמיאל
יצחק שדה 34 . תל־אביב . טל. 330555

א

מיר — און די פאַרבן:
הימל, ליכט און ערד,
לעבן און שטאַרבן,
אַלצדינג וואָס ווערט באַגערט;
מיר — פאַר די טויערן
שרעק פון אייגענעם רוף,
מיר — פון געבוירן:
ווינטן פון גוף צו גוף.

רעגן און רויזן,
רייַף דער זומער־געדאַנק:
ברוסטן אַנטבלויזן
תאווה און תאווה־קלאַנג;
רויזן פון רעגן —
טרערן־זומער־געטראַנק:
אַל דער באַגעגן —
טרינק, אַל דאָס טוט באַנג.

טרינק מיט דייַן שאָטן
ווייַן, געקעלטערט אין בלוט:
טרינק, ווי געבאָטן,
דייַן געטראַנק איז גוט;
שרייַ און דער חורבן
קומט פון דייַן געשרייַ:
מערדער און קרבן —
ביידע זענט איר דערבייַ.

שרײַ — פון צעפּאַלן,
שרײַ — געזעטיקט מיט נאַכט:
ביסט אין די שטראַלן
ווען דאָס אויג נישט דערוואַכט;
ביסט אין די שפּעטן:
צײַט, מחשבה און זין —
ביסט דאָס צעטרעטן
אַלץ פון דעם וואָס איך בין.

בליקן פון בליצן,
אויג פון פײַער באַגלייט:
בליק און פאַרקריצן
אַלץ וואָס קומט און פאַרגייט;
בליק — און דערבליק עס:
ווונד־צעוווּנדיקט וואָרט —
שווײַגן־מתיקות
הילט דעם דאָ און דעם דאָרט.

דו — אין אַלע ווערטער,
דו — אין יעדן טרוים,
תּמיד דער באַגערטער
גייַסט פון צייַט און רוים:
מיר, צו זיך געבונדן,
גופיק, אָן דערלייז:
מחמת די סעקונדן
אינעם בלוטגעקרייַז.

דו — פון דעם באַוווסטזייַן,
גרויס אין ערשטן וואָרט,
דו אַליין דו מוזסט זייַן
אין־סוף און דאָס אָרט:
מיר און דאָס דערקוויקן
ערד — אין הונגער־רוף;
מיר — נשמה־בליקן
אין דער צייַט פון גוף.

דו — אין שטערנווייַטן,
אַלאומענדלער — אַל:
ליכט — אין דעם פאַרבייַטן
אונדז פון פאַל צו פאַל:
מיר, אין מאָרד געזונקען
פון דער מוטערס טראַכט:
ווייַן פון צער געטרונקען
מיט די ליפּן: נאַכט.

עץ־החיימס בליִען —
וועלט־צעבליטע־מיט,
ווּ די שפּעטן, פריִען,
שליטה האָבן ניט:
ווער זאָל אונדז באַשיידן
וואָס מיט אונדז צעפּאַלט:
טריט, אויס דעם גן־עדן,
שטויב פון דײַן געשטאַלט.

חלומסט — קענסט געשטאַלטן
ווו קיין סוף באַגינט:
חלומסט, קענסט פאַרהאַלטן
מיט דער וואָר דעם ווינט;
חלומסט און עס קוואַלן
קוואַלנדאָרשט, באַגער,
נאָר אין זייער פאַלן
חלומסטו נישט מער.

חלומסט פונעם קומען
צו דעם איך־אַליין,
מיט דעם שטויב פון נאָמען
נאַקעט ווי דער שטיין;
חלומסט און אין טיפן
עמעץ האָט שוין דאָרט
אויסגעטוישט באַגריפן:
איך און צייַט און אָרט.

חלומסט, גרויס איז וויסן,
פייַערלעך די שפּיל:
בליק און ווייַט, געוויסן,
לאַנדשאַפט פון געפיל,
גאָט און גאָט־דערהאַלטן
צווישן שלעכט און גוט;
חלומסט, קענסט געשטאַלטן
דעם צעפּאַל פון בלוט.

חלומסט, ריף פון ריפן
שנײַדסטו מיט געדאַכט,
מיט דעם וואָרט אויף ליפן
ווו די שיכּרות וואַכט;
חלומסט בײַם דערוואַכן,
בײַ דעם ברונעם — צער,
ביז דו הערסט אַ לאַכן:
לא דבים ולא יער.

אויף דער פלאַך, אָן ווײַטן,
ווו די שטומקייט גרויט,
מאָלסטו דײַנע צײַטן
צווישן טויט און טויט,
ביז די ליניעס האַלטן
וואָס דײַן דמיון פּײַלט:
משא — פון געשטאַלטן,
טיף — אין פלאַך פאַרטיילט.

וועקסט די פאַרב פון דרימל
מיט איר אייגן ליכט,
ביז זי ערד און הימל
האַלט אין גלײַכגעוויכט,
ביז זי ווערט אין ווערן
וויזיע און דער ציל:
קלאַנג — וואָס גאָט קען הערן,
טוי פון בוגאַנוויל.

צינדט דײַן פײַער־פּינדזל
ליכט און הייך און רוים,
ווערט דײַן אויג אַן אינדזל
אומגעזימט פון טרוים,
ביז אין אַלעם טאָגן
שטערן־שטילסטע־שטיל:
דײַנע ווערטער זאָגן
וואָס דײַן שווײַגן וויל.

ווי זיך זונען יאָגן
מאַכט זיך אויף דײַן גאַנג:
ים און מושל טראָגן
ביידע דײַן געדאַנק;
אַלץ ווערט ריין דערקענען
וואָס דײַן אויג באַשאַפט:
דײַנע ליניעס זענען
חלל, זין און קראַפט.

פֿיַיל — אין טרוים פֿון בויגן,
טרוים — געשפּאַנט אין מיר:
ליגט די ציַיט פֿון אויגן
צווישן מיר און דיר?

ציַיט און וויַיט זיך טוישן
מיט דיַין אויג, דיַין האַנט,
ווען דו לאָזסט מיך רוישן
פֿריַי און אויסגעשפּאַנט.

אין דיַין טיף פֿון ווילן
ביידע זענען דאָ:
ציל — און צוועק פֿון צילן,
אייביקייט און שעה.

וואָס די אויגן טראָגן:
לאַנדשאַפֿט, ליכט, זאַפֿיר,
האָט שוין לאַנג געשלאָגן
צווישן מיר און דיר.

אַלץ קומט פֿון דעם גאַנצן
רצון, וואָס באַשאַפֿט
וואַסער, פֿיַיער, פֿלאַנצן,
אויג און ליכט און קראַפֿט.

גאָרנישט קען פֿאַרווישן
אָנהייב און באַריר,
אַלץ קען זיך פֿאַרמישן
צווישן מיר און דיר.

מיט דער פײַל און בויגן
ווערסטו נאָנט און ווײַט,
טיפן — פון די אויגן,
חלל, ציל און צײַט.

אַלץ איז דאַן געגעבן
אין אַ האַנטבאַריר,
צווישן דיר און לעבן —
צווישן מיר און דיר.

אַז דעם בלי
פון דײַנע ווערטער
דער בלי
פֿאַלט אין פֿאַרדאַרבן :

מיט דעם בלי
פון דײַנע ווערטער —
מוזיק
און רײנסטע פאַרבן.

אַז דײַן צײַט
פון שטענדיק ווערן,
וואָס קען
די צײַט נאָך אַרבן ?

מיט דײַן צײַט
פון שטענדיק ווערן —
מוזיק
און רײנסטע פאַרבן.

אַז דעם רעגן
פון דײַן דמיון
ווערט שטויב
פון גוף און שאַרבן :

מיט דעם רעגן
פון דײַן דמיון —
מוזיק
און רײנסטע פאַרבן.

אָן דעם ליכט
פון דײַנע רגעס
די בליקן
שטאַרבן, שטאַרבן:

מיט דעם ליכט
פון דײַנע רגעס —
מוזיק
און ריינסטע פאַרבן.

אין שענק אַרום דעם פידלער
רויכט אַ שײַן,
בשעת ער ציט אין רגעס
אויס און אײַן.

געשטאַלטן טונקלען איבער בעכערס
שטום אַליין,
בשעת ער ציט אין רגעס
אויס און אײַן.

זיי טרינקען שטיל דעם רויטן
קילן ווײַן,
בשעת ער ציט אין רגעס
אויס און אײַן.

און בליקן מיט די בליקן
גלאָז און שטיין,
בשעת ער ציט אין רגעס
אויס און אײַן.

די טונקעלע געשטאַלטן איבער
בעכערס ווײַן,
ער הילט מיט פידלקלאַנגען
ווי תּכריכים אײַן.

טונקל, טונקל אָוונטשפּיל,
טונקל — ווי די צײַט ער:
איך קען ווינציק, ער קען פיל —
ער הייסט שפּילן ווײַטער.

אויס זײַן בליקן, שטום צעגליט,
פּראַקטיקט פּראָסט אַנטקייגן:
ער קען אַלצדינג, איך קען ניט
שפּילן אָן דערלייגן.

שוואַרצע ווערטער, שוואַרץ די האַנט,
שוואַרץ ווי ער און שטייניק:
„גיב דײַן לעבן פֿאַר אַ פֿאַנט" —
ער קען פיל, איך ווייניק.

אַז זײַן ווילן ברענט אויף גאַנץ
ווי אַ פלאַמען־שײַטער,
גיי איך אין דעם טויטנטאַנץ:
שפּיל די שפּיל איך ווײַטער.

טונקל, טונקל אָוונטשפּיל,
טונקל — ווי די צײַט ער:
ליכט פון קבר, קבר־שטיל,
איך — און מײַן באַגלייטער.

# ב

אַ רגע גייט פאַר דיר
פאַרויס
און וועלטיקט קלוג
און וועלטיקט גרויס.

צוקאָפּנס פון דײַן שלאָף
געשטעלט,
איז זי דער חלום־גאַנג
פון וועלט.

נאָר ווען איר ליכט אין אויג
צעפאַלט,
ביסטו דאָס פאַלן אָן
פאַרהאַלט.

ביסטו דער שפּינען־
זילבערזײַל —
פאַרשפּינט אין וואָרט פון ווינט:
דערווײַל —

ביסטו די נאָנט פון יענער
ווײַט
וווּ טיף עס סופיקט יעדער
צײַט:

וווּ טיף דער תּענוג־גלוט און גלי
פאַררוישט צעווישן דאָרט און הי;
וווּ הינטער אירן רוף: געֶנוג —
זי וועלטיקט גרויס, זי וועלטיקט קלוג.

נעם אים אין געפאַנגענשאַפט
פון דײַנע הוילע ווערטער;

בינד צו זײַנע פליגל
מיט אַ פרילינג
וואָס דערוועקט אין גאַנצן נישט
די קנאָספּן;

בינד צו זײַנע ווײַטן
מיט אַ זומער
וואָס דערוואַרט אין גאַנצן נישט
קיין פּירות;

שטעל אַוועק פון שניי
די ווײַסקייט
זי זאָל זײַן בײַ אים
דער שומר,
שטעך פון שטורעם אויס
די אויגן:

אפשר וועט ער דאַן
באַוויליקן דײַן גײַסט
צו לאָזן לעבן לענגער
פון דעם אויגנבליק —

בשעת
סע כאַפּט
די שפּין אַרײַן
די פליג
אין נעץ.

ווילד באַפאַלן דיך
אין חלום
חיות
פון די אייגענע געדאַנקען.

אין שטומע ווערטער
שוועבט
דערשטיקט דײַן שרײַען;

רעגן פון די שוואַרצע רגעס
טרײַבט די חיות
דורך דײַן נאָמען;

שטייסט
אין ווינט פון פאָספאָר־אויגן
אויף די בערג
פון דײַן דערשטיקטן שרײַען;

זעסט:
די ווילדע חיות
פון די אייגענע
געדאַנקען
זאַמלען זיך
און זאַמלען: —

ביז עס מאַכט
דײַן שרעק
פון דיר
דײַן קבר.

מיט ליגנט פֿאַלסט אַרויס
פֿון אַלע ווערטער;

דײַן געדאַנק פֿאַרגעסט
דעם הויך פֿון ליכט;

בײַ חורבות פֿון דײַן זומער
וואַרטסט אומזיסט
אויף ברויט פֿון אַלעמס צײַט;

האָסט נישט וואָס קובר צו זײַן,
נישט די ליבשאַפֿט,
נישט די שׂינאה,
נישט דעם רויש
אַפֿילו
פֿון
אַ פֿרעמדן האַרץ;

בײַ שוועלן
פֿון
דײַן בליקן
זענען שוין
פֿאַרזאַמלט
דײַנע טעג און נעכט,

צו גיין
מיט דיר
צו דײַן
לוויה.

## צווישן איצט און קיינמאָל

### א

ווערטער — ברינעמער
פון דאָרשט
פֿאַרטיפֿט אין דעם געזעץ
פון טראָפּן
וואָס צעשפּאַלט די פעלדזן
און דער מידבר
פון אַן אויגנבליק פון שׂינאה,
וואָס אין דויער
איבערדויערט אַש און פֿײַער.

### ב

אויף דײַן שטערן
רעגנט פּראָסטיק
פון די ווערטער;

יעדער לעבן
בליקסט
כּסדר אָן
מיט שטאַרבן;

דײַנע פינגער
גראָבן קבֿרים
אין די הערצער
פון דערוואַרטן;

תּמיד טונקלט אויס
דײַן קומען
דעם זכּרון
פון דער צײַט.

וועלכער גאָט האָט דיך ביז איצט דערהאַלטן —
זע, דאָס בלוט קען נישט דעם הימל שפּאַלטן.

מאַך אַ ברכה איבער אַל־דײַן טײַטן,
איבער דײַנעם עיפּוש אין די צײַטן.

פאַר דעם אַש פון איצטער און אַמאָלן,
טרינק דײַן גאַװער אויס פון די קרישטאָלן.

מאַך אַליין דעם סם פאַר יעדן בויגן,
מאָל זיך דײַנע װערטער אום די אויגן.

טאַנץ אַרײַן אין טאַנץ פון טויטע גלידער,
גאָרנישט איז אין טײַטן דיר דערווידער.

דער — װאָס האָט געהאָלפן דיך געשטאַלטן,
דער — װאָס האָט ביז איצט דיך נאָך דערהאַלטן.

א

אין לעבן
און אין טויט
האָט ער
אונדז איַינגעשפּילט:
פוגע
פון
צווייקלאַנגען —
די באַשאַף־
מוזיק
און מיר —
די עדות
פון
דער שרעק,
וואָס מאַכט
משוגע.

ב

טיף אין טיפן
פון באַשאַף
די ווינטן ציִען אום
מיט פיַיערטריט
און לעשן אויס
די וויַיטן פון דעם נס
און פילן אָן
די טיפן
מיט דעם אַש
פון מיַין און דיַין
פאַרברענטן גוף.

קברים
אין דער טיף
פון אויגן
מיט
דעם שווײַגן
פון
שוואַרצאַפּלען: —

ציילן נאָך
די וויִעס
טרערן?

ווערטער:
אָפּגעשטעלטע
זייגערס: —

וועמענס שעה
דערמאָנט
דעם נעכטן
און דעם הײַנט?

אין צווייִק ליכט
פון מיר און דיר
דער שאָטן
פֿאַלט
פון פרעגן: —

ליגט דער ענטפער
אין דער טיף
פון אויגן — קברים.

די באַשטענדיקייט
פון ווינט
וואָס קיינער
קען אים נישט
באַהערשן.

דער בראשית־בליק
פון פויגלפלי,
וואָס זעט
נאָך אַלץ
דאָס ערשטע פאַלן.

און די ערד —
פון יעדנס
שטאַרבן
דער זכּרון,
דער —
וואָס דאַרף נישט
קיין זכּרון.

דער זכּרון
פון דער ערד,
וואָס קיינעמס גורל
שרעקט אים נישט:

אַפילו נישט
דאָס וואָרט,
ווי גאָטס
פאַרלאָזנקייט
האָט אונדז
אַרײַנגעשטעלט;

דאָס וואָרט —
וואָס קיין מאָל נישט
מיר ווען זיך
פון דעם באַפרײַען.

און דער אַש
פון אונדזער גוף
וואָס קען אַפילו ווערן
נאָך אַ מאָל
פאַרברענט.

דײַנע אויגן אָפן
מיט דעם בלינדן ליכט:
אייביקייט —

העלפן קומען
צו
פּאַראַיִזטע ווײַטן
אין דעם ווינטער
פון די ווערטער.

צו
די זאַלצבערג
פון דערווײנטע בליקן,

צו
דעם אָטעם
פון קרישטאָלן
פרי פאַרמאַכט
פון ערשטן שווײַגן,

צו
דער טיף
פון דײַנע
אויגן,
אָפן
תּמיד
מיט
דעם ליכט
פון בלינדע: —
אייביקייט.

## א

דערזע דעם אויגנבליק
בשעת
די שלמותדיקע טרער
צעשפּאַלט דעם פעלדז
פון דיַין געבוירן.

## ב

צווישן מיר און דיר
דער זיַיל פון שוויַיגן:
זיַילנטענצער
טאַנץ דעם טאַנץ
פון אינעווייניק
און אויסנווייניק
אויף דעם זיַיל פון שוויַיגן,
כּל־זמן שטויב פון ערד
רעדט נישט
צעווישן מיר און דיר.

## ג

פון ערשטן אָנהייב אָן
מיט וויַיטן פונעם ליכט
צום שאָטן צוגעבונדן:
דו און איך,
וואָס איז אמתדיקער
פון אונדז
פון ערשטן אָנהייב אָן?

ד

אין מידבר־זון
בלײַבט דיר גאָרנישט,
אַפילו נישט דער אַש
פון דײַן זכּרון:
מיט וואָס ווילסטו
פּותר־זײַן
די שאָטנס פון דײַן שווײַגן
אין דער מידבר־זון?

ה

אין מיטן פון דײַן שרײַ
האָסטו געזאָגט:
די שרעק
טראָגט מיר מײַן לעבן נאָך;
די שרעק
איז שפּיגעלונג אָן לופט,
דער רעגן־בויגן —
טויט:
דער רעגן־בויגן
און מײַן לעבן.

ו

איצטער און אַ מאָל:
די צווישנצײַט
פון שרײַ צו שרײַ
און מער גאָרנישט.

א

צווישן דעם געדענקען
און פאַרגעסן
ביסטו פינצטער פײַער.

ב

אין דײַן חלום
האָבן נעפּלען
אויפגעשטעלט
די בלינדע שפּיגלען.

ג

דער,
וואָס האָט גאָרנישט
צו פאַרלירן,
קומט דיך ווערגן
מיט זײַן וואָרט
אין יענער זײַט
פון שלאָף אַפילו.

ד

אָקטאָבער —
די ווערטער
טווישן זייער לעבן
מיט דעם רעגן.

ה

בלעטער פאַלן, פאַלן:
אויך דו פאַלסט אַרויס
פון דײַן
געבוירן־ווערן.

ו

ווינט פון שקיעה,
שווײַגן פון דעצעמבער:
ווער באַקומט זיי נישט
די צײַטן?

ז

ווונטשן
אין גערויש
פון בלוט און אויגן: —
ביז איר גוף
דעקט אָפּ דאָס ליכט
ווו יעדער ווונטש
פאַרבלאָסט.

ח

אויף צווײַגן פון דײַן בליקן
שטייט אַ טויטער פויגל
מיט דער רייִנסטער מאָס
פון אייביקייט —
אַ שיינער טאָג
האָט אים אַהינגעשטעלט:

לאָז נישט פאַרפרירן דיך
פון טאָג.

ט

אויף יענער זײַט
פון טעג און נעכט —
פנימער, טויט־געבוירענע,
צעווישן איצט און קיין מאָל נישט.

ג

ווען
די שקיעה
טרײַבט
די נאַכט
דורך דײַנע
אויגן;

ווען
דײַן שאָטן
לאָזט
דיך איבער
מיט
דײַן מרה־שחורה;

ווען
דער ווינט
צערײַסט
דעם זעגל
פון
דײַן וואָרט;

ווען
די זיפצן
פלעכטן שטריק
פאַר דײַנע
רגעס;

ווען
דו פרעגסט
די טרערן
נאָך
גאָטס נאָמען;

ווען
דו ביסט
אין ווייַטן
פון
זכּרון
זאַמד
און נעפּל;

ווען
דו ווערסט
די סיבה
פון
דעם ערשטן
שטאַרבן;

ווען
דו פאַלסט
אין זיך
אַרייַן: —
דעם ים
פון שווייַגן;

װען
דײַן גוף
שטילט אײַן
דעם הונגער
פֿון
דער ערד.

דייַנע
שפּעטע
שעהען
ווייסן
וואָס
דער פראָסט
דערציילט
געפרוירן־טויטע
חיות
און פאַרלעשט
דערבייַ
די לעצטע
ווייַטן
פון
דייַן וואַרטן
און פאַרפּלאָנטערט
דייַנע טריט
אין ווינטגעדריי
און ווייסט:
באַלד ווערן
דייַנע אויגן
שטילקייטן
פון שניי.

# ווּ

די ברוינע
בלעטער
ליגן
אונטער
זונען
פון
פאַרגאַנגענע
צײַטן ;

ווּ
סע קומט
קיינער
קיין מאָל
נישט
אַהין ;

אַפילו
נישט
דער אָפּהילך
פון
אַ וואָרט ;

אַפילו
נישט
די שאָטנס
פון
נשמות.

מיט
דעם שטעקן
פון
אַ בלינדן
קומט זי —
דייַן
דערמאָנונג:

זי
ווייסט נישט
אַוועמען
פריִער
צו
באַקלאָגן,

דיך
צי זיך?

אַל די
גרויליקע
יאָרן —

שפּיגלען
פון
דעם איצט,
פון דאָ.

לאה —
פֿײַערליליע
אין
דעם גאָרטן
פֿון
דער פֿרייד:

דער שוואַרצער
גערטנער
רײַסט
דיך אָפּ
און שטעלט
דיך אין
אַ רגע
פֿון
דער וועלט
אַרײַן: —

אַ רגע
אין
פֿאַרגיין;

נאָר דו
צעבליסט
נאָך אין
צעפּאַל
אַ רעגן־
בויגן
פֿײַער־ליליעס,

פאַר
דעם שוואַרצן
גערטנער,

פאַר
דער רגע
אין
פאַרגיין: —

די רגע
פון
דער וועלט.

בליקן
אין
די ווונדן
פון
זכּרון,

אין
די ווערטער
האַרטער
פון
קרישטאָל,

אין אַש
פון הײַנט
און מאָרגן;

בליקן
אין
דעם פײַער
פון
דער שׂינאה,

אין
די קברים
פון
דעם האַרץ,

און ווײַסן
נעץ
פון פּחד;

בליקן
אין
די שוואַרצע
זונען
פון
דעם בלוט,
אין ווינט
פון לעצטער
שטילקייט,

אין
דעם הויך
פון לעצטן
פרעגן,

אין
די אויגן,

וווּ
סע נעסטיקט
פון
דער ערד
דאָס שווייַגן.

באַלד
הערט אויף
אין זײַנע
ווערטער
קאַלט
דער פּולס
צו שלאָגן;

באַלד
איז ער
אַ שטום
געשריי
אָן האָריזאָנטן;

באַלד
ווערט ער
דער שוואַרצער
פּונקט
וואָס גיט
אַ זין
דײַן לײדיקייט;

באַלד ציט
דורך זײַנע
אויגן
קיל־
פֿאַרלאָשן
ליכט
פֿון דײַן:
יהי.

מיט
יענער־וועלט־
שווייַגן
הילסט
זייַן פרעגן:

ווער
זאָל צינדן
טרערן
אין
פאַרביקע
קאָמעטן?

ווער
זאָל פלאַנעטן
פון
מחשבות
אייַנפירן
אין
שלמותדיקער
עקליפטיק?

ווער
זאָל די
גהינום־
טויבן
פון
דער צייַט
פאַרטרייַבן?

העלף
אים דיך
צו הערן
אין
צעהעלטער
שטילקייט :

אויב
דייַן שווייַגן
איז
נאָך נישט
מוזיק
פון טויט : —

אַלצדינג
האָט ער
דייַן וואָרט
געטרויט.

אונטערוועגס —
פון זיך
צו זיך,

צו ווערטער
וואַרטנדיקע
אין
זכּרון,

צו
געדאַנקען
תּמיד
גרייט
צו טאָגן;

אונטערוועגס —
פון אויג
צו אויג,

ווו
ליכט
פון נעמען
ווײַזט
אין ערגעץ
נישט
אַהין;

אונטערוועגס —
מיט דעם
אײַזווינט

פון
פאַרגעסן:

ווו
דער — איך,
דער — דו,
קרישטאָליקט
האַרט
אין שוויַיגן;

אונטערוועגס —
מיט
די רגעס
בלינדער
נאָך
פון שטיינער,

ווו
זיי ווירפלען
אויס:

צום שטאַרבן,
צום
געבוירן:

אונטערוועגס —
פון זיך צו זיך,

צום איצט
פון קיינמאָל נישט.

דיַינע בליקן
זענען בריקן
אויפגעשפּאַנט
צווישן ווערטער
פון נישט־דאָיִקע
שעהען;

דיַינע פינגער
פירן וויַיטן
זיך צו טרעפן
ביַי די שוועלן
פון אַ יעדנס ציַיט;

פּאָר שטאַרבנדיקע
מאַכסטו אויף
די רחמים־וועגן
אין דעם אייביק —
איצט:

נאָר דו אַליין
דו ביסט
די נאָענטסטע נאָנט
וואָס ווייסט
ווי וויַיט
עס איז
דער וועג
צו זיך:
עטקע.

שקיעה
פון
דײַן שמייכל —

שאָטנס
פלעכטן נעצן
פון
דײַן בליקן,
אײַנצופאַנגען
פיבער־רגעס
פון
דײַן חלום.

דײַנע פינגער
שפּירן נאָך
די ווײַסע
ווינטן
פון
לבנהדיקע
סאָנאַטעס ;

נאָר
פון דײַנע
שלייפן
פאַלט
דער שוואַרצער
מאָן
פון שווײַגן —
שוועסטער.

מיט
דער שטילקייט —
דו

מיט
דער שטילקייט —
רו

מיט
דער שטילקייט
אָן באַגער —

שטיין אויף שטיין
פאַרשטיינט
דעם נעכטן
פון
דײַן טרער.

א

ער קומט
און ווערסט
דער שווײַגנדיקער
הימל,

ער קומט
און ווערסט
דאָס שטום געשריי
פון שטיין,

ער קומט
און ווערסט
דער ניגון
אויפגעזונגען
פון פאַרגיין.

ב

ביסט
דער שוואַרצער רעגן
פון זײַן בליקן,

ביסט
דאָס קברים־ליכט
אויף זײַנע פינגער,

ביסט
דערוויילט
דעם זאַמד פון אַל
דײַן אָטעם אָפּצוגעבן: —

מחמת וואָס?

לייזער אייכענראַנד

זינט דײַן גוף
האָט זיך פֿאַרלאָשן
אין זײַן שפּיגל,

קען ער דיך
אין חלום
נישט געפֿינען;

נאָר דער ווינט
פֿון מיטנאַכט
ברענגט אים דאָס ליכט
פֿון דײַנע אויגן:

ווער
האַלט אויף
זײַן גלײַכגעוויכט
אויף אונדזער ערד? —

ד

האָסט זיך געראַנגלט
מיט די שטערן־פליגל,

מיט די פעלדזן־ווערטער
האַרט צעשטעלט אין בליקן,

מיט די ווינטן
פון דעם צער,

מיט ליכט
פון גוף,

מיט צייַטן אויפגעמאַכט
פון בלוט,

מיט קברים
טיף צענומען
אין דעם שרייַ
פון ערשטן סוף,

מיט פאַלן
אויף צוריק
צו יעדן פאַלן ;
האָסט
געראַנגלט זיך

און ראַנגלסט זיך אַפילו
ווו דאָס ראַנגלען
האָט שוין אויפגעהערט.

דײַן פּלי
פון אָנהייב צו
דעם אָנהייב: —

ווער
מאַכט אויף דעם וועג
פאַר דיר
בשעת דו פּילסט
פון אָנהייב צו
דעם אָנהייב?

ווער
טראָגט דעם ענטפער דיר
אַריבער נאַכט און ים?

דער ענטפער טיף
פאַרשטעקט אין מולד;

ביסט די צײַט,
דער ים, דער מאָך פון פעלדז,
דאָס ליכט
פון תמיד ווידער־קומען;

ליכט —
פון אַלעמענס געבוירן;

נאָך פֿאַר דײַן געבוירן־ווערן
האָסט מסתּמא שוין געקענט
דעם פּלי
פֿון אָנהייב צו
דעם אָנהייב.

אַנגעבונדן צו דעם שווייַגן
זיצן זיי צוקאָפּנס פון דער זון
און וואַרטן אויף דעם ווינט
פון ווערטער
וואָס זאָל זיי באַפרייַען ;

יעדער האָט דאָס פּנים
פון דעם באַרג
ווו משה האָט געלאָזן
זייַן געביין ;

דורך די יאָרן —
אַל די יאָרן פון געדענקען
און פאַרגעסן
גייט און קומט פון זיי
דאָס בליקן ;

אָנגעשפּאַרט כּסדר אין געדאַנק
פון ווערן,
זיצן זיי צוקאָפּנס פון דער זון
און וואַרטן ;

וואַרטן זיי —
מיט ווייַטן ווו קיין צייַט
קען נישט דערפּאַרן,

ווואַרטן זיי — און האָבן אַ זכּרון
וואָס מאַכט אויף דעם וועג
פון תּמיד ווידער־קומען:
יענער וועג,
וואָס יעדער דאַרף אַ מאָל באַטרעטן
און אַפּילו גאָט אַליין.

דאָס אורגעשריי
צענומען זיבן מאָל
פון דײַנע טויטע זין;

די יאָרנליכט פון טרויער
זענען דײַנע הימלען;

דײַן קול פון אַש,
די בלינדע אויגן פון:
פאַר וואָס?
דײַן קול פון אַש;

צו אַלע זײַטן
פון דער וועלט
איז אָנגענאָפּלט דײַן פאַרלאָזנקייט,
צו אַלע זײַטן;

שטערן וויינען אויס,
מיט טרערן
פון דײַן בלוט,
די פרי און שפּעט
פון דײַן געדאַנק;

און ביסט
דאָס אורגעשריי
צענומען זיבן מאָל
פון דײַנע טויטע זין.

הימלען — גיט אַן עפן
ווײַטן פון זײַן בליק:
ווידער זאָל ער טרעפן
יענעם וועג צוריק.

לאָזט אים בײַזן טאָגן
קומען צום פאַרמעסט:
ער זאָל קענען זאָגן
ווען ער פאַרגעסט.

ווער אין דעם נסיון
ווערט שטאַרק, ווער גערעכט:
וואָס מען קען געטרויען
ליכט און אויג־געפעכט.

ניגונט גרויס דעם ניגון
פון גרענעגל דאָרט:
אויפגיין זאָל פון זיגן
אַלץ וואָס בלײַבט אין וואָרט.

אויגן,
אָפּן
איבער שלאַכטן,
אין
די אָבות־ווײַטן,

אומגעפּײַערט
פונעם
מידבר־לשון,

אומגעפּײַערט
פון
די ווונדן
פונעם זעען ; —

אויגן, יהושעס אויגן :

תּמיד,
ווען די זון
זינגט הייס
די ווילדעניש
אַהינטער
שטומע פּיראַמידן,

# צווישן איצט און קיינמאָל

דעקט אָפּ אייַער
זעעוודיקייט
דעם זיג
פון אונדזער
אייביקייט,
צעווישן
איצט און איצט.

דאָרשט —
פײַער־
טריט
אין זאַמד
פון שווײַגן;

ווײַטן —
אויגן
פון
שאַקאַלן;

שטילקייט —
שטום
געשריי
פון שטומע
רגעס;

פעלדזן —
בלינד־
פאַרשטיינטע
זונען,

ווי
די פֿײַער־
אָדלערס
וואַרטן
מיט די שלאַנגען
פֿון
דער מורא
איבער טויט
און טויט.

זונען־
גלוט
פאַרשליסט
דעם הימל;

לעשט
דעם אָטעם
פון
די בליקן.

הילט
די ווערטער
איַין
מיט שטויב
פון שטומע
ציַיטן:

תּמיד
פון
דעם פיַיער,

פיַיער
פון
דעם תּמיד.

פאַלן —
פאַלן
צווישן
שורות,
צווישן
בליקן,
צווישן
ווײַטן ;

פאַלן —
פאַלן
פליגל,
פאַלן
קוילן,
פאַלן
ווערטער,

פײַער־
פײַלן
פאַלן,
פינצטער
פאַלן
רגעס,
פאַלן
זיפצן ;
עמעץ
שלעפּט
די טרערן
צווישן
ווײַטן,

צווישן
שורות,
צווישן
בליקן ;

פאַלן —
פאַלן,
פאַלן
אויגן,
פאַלן
נעכטן,
פאַלן
איצטער,
פאַלן
מאָרגן ;

פאַלן —
פאַלן
צווישן
שורות,
צווישן
בליקן,
צווישן
ווײַטן,
פאַלן,
פאַלן

מיט דעם פּאַנטערס שפּרונג,
כּסדר אויפגעמאַכט אַרום
דער ערד,
איז ער פאַרבליבן.

צום געדענקען,
צום פאַרגעסן,
ער איז נישט געבונדן.

ער האָט נישט אַפילו
אָפּגעשפּאָרט
אַ רגע פון געדאַנק,

אַפילו נישט
די ווערטער
פון דער שטומקייט,

נישט דאָס פייַער
פונעם וואַרטן אויף
אַ צאַפּל
פון דער זון
פון איר נשמה;

מיט דעם פּאַנטערס שפּרונג,
כּסדר אויפגעמאַכט אַרום
דער ערד,
איז ער פאַרבליבן.

לייזער אייכענראַנד

וו ינטן
רוישן
אין
פעלדזן־
פוגעס
מיט
נאָר וואָס
געוויינטן ;

ווייַטן
וויגן
זיך
אויף כוואַליעס
פון
דער גלייַכגילטיקייט ;

רגעס
ווירבלען
שוים
פון שווייַגן
איבער
מושל־
קברים ;

וואָלקנס ציִען מיט
די שוואַרצע פייגל
פון דעם ים
צו נישט־
געזעענע
לוויות.

דײַן נאָמען שרײַבן מיר
אין ברעגעס
פון דעם אויסגעטראַכטן ים;

מיר שרײַבן אים
מיט דאָרשט פון יעדער שעה,
געצונדן
פון דעם זאַלץ פון ים;

צו ברעגעס פון דעם ים
דעם אויסגעטראַכטן
ברענגען ווילדע ווינטן
אַלע ווײַטן;

גוט איז אונדז
מיט ווײַטן פון די ווילדע
ווינטן,

מיט דעם דאָרשט
פון אַלע שעהען
אויפגעשריבן
מיט דײַן נאָמען;

ווי דײַן נאָמען
אין די ברעגעס פון דעם ים
איז אונדזער לעבן:

ווער קען אונדז פאַרטרײַבן
פון דעם ים
דעם אויסגעטראַכטן? —

טרינק
זיי אָן
מיט די
געטראַנקען
פונעם פּחד,

פּחד,
מיט דעם שווייַגן
פון
די קברים,

קברים,
אויפגעמאַכטע
טאָג און נאַכט,
אין מידבר
פון
דער שׂינאה,

שׂינאה, —
וואָס וויל
אויסלעשן
אונדז
אין בליק
פון יעדער צייַט.

## פאַרברענטע אויגן — גלות־אויגן:

מיט די בשׂורות
פון נישט־דאַיִקע קברים
קוקן תּמיד די גלות־אויגן
אײַך אָן;

זיי קוקן מיט דעם אַש
פון זייער בלוט
אויף אײַערע
דערלייזער־טריט,
די פײַער־טריט
פון אונדזער דאָ.

און הינטער די
פאַרברענטע אויגן
וואַרט ער וואַרט
אַז אַנטפּלעקן זאָלט איר
באַנײַט
דאָס ליכט
פון אונדזער ברית
מיט אים.

ער,
וואָס קען די ווײַט
און לענקט די טריט
פון דײַנע בליקן,

קען
די שאָטנס
פון דער שטילקייט,

פון די שטערן,
אײַנגעשלאָסן
אין שוואַרצאַפּלען
פון
דײַן בענקשאַפט,

קען
די קוואַלן
פונעם דאָרשט
און ברינעמער
פון דײַנע שעהען;

ער,
וואָס קען די ווײַט
און לענקט די טריט
פון דײַנע בליקן,

קען
די נאָענט
פון דײַן קומען
הינטער אַלעמענס געבוירן.

אומבאַוועגט
אין אַל:

די ליניעס פונעם ליכט
דערגאַנצן
רונד דאָס בילד;

די שטראַלן יאָגן זיך
אַוועק פון זיך,

צעהעלן טיף
די ווײַטן פונעם בלויען,
די באַוועגונג
פון די וועלטן;

אומבאַוועגט
אין אַל:

פאַרשלאָסן תּמיד אין
דעם אויפגעמאַכטן —
תּמיד
אין אַ יענער־זײַט
פון שאָטן פונעם אויג,

דערגאַנצן ליניעס פונעם ליכט
דאָס בילד און שטראַלן יאָגן זיך
אַוועק פון זיך, אַהין —

צו ווערן ריין
די ריינסטע גאָב.

צום ווינט
פון יענער זייַט
געבונדן
מיט מחשבית;

טריט
געשטעלטע
אייביק
אינעם דאָ:

ווער
ווען
קען
דערלאַנגען?

ווענס
ווילן
ווערט
דערלייזט?

קען מען
אויף אָדלערפליגל
זיך
באַהאַלטן
און צום שטורעם
זאָגן: —

נאָר מירביידע
זענען נאָך
פאַרבליבן —

ווײַטן אויפגעמאַכטע
פון דער מורא;

טרערן־
וואָלקנס רונד אַרום
די ווערטער;

תּפילות,
לאַנג געזאָגטע
פאַר דער לעצטער שטילקייט;

מיט דעם ליכט
פון אָנהייב
אינעם האַרבסט
פון שטענדיקן אַרום;

אין נעכטן אָנגעלענט,
מיט טרויער
פונעם בליקן
אייביק
אינעם איצט,

און וואַרטן
בײַ דעם וואַרטן,
אויף די וועגן
אָן
אַיעדן אויסוועג.

ח

בשעת
די נאַכט
אין אונדז באַפאַלן,

בשעת
דאָס אויג
האָט זיך אַליין
געזוכט,

בשעת
די שאָטנס
זענען אין
פאַרשוויגן בלוט
געשווומען,

בשעת
די שטילקייט
האָט דאָס וואָרט
געוואָרגן,

בשעת
דער הימל איז
געוואָרן רויך
פון אונדזער
גוף,

בשעת
ער האָט
געזאָגט :
איך בין — —

מאַמע
פון
דײַן לעצט
דערשטיקטן
שרײַען

אין
פאַרגאַזטע
רגעס

שלאָגן
תּמיד
שוואַרצע
בליצן

אין
פאַרשטיינטן
הימל:

אייביקט
ער
זיך

אין דײַן
דערשטיקטן
לעצטן
שרײַען? —

מתים,
שטום־
פֿאַרשטויסן
פֿון
דער־וועלט
און יענער־
וועלט,

מיט די
פֿאַרשטיינטע
ליפּן
פֿון
אַ לעצטן
ווייטיק,

קומען
אויף
דײַן שוועל,

פֿאַרטונקלען
זאַלץ
און ברויט
פֿון חלום,

וואַרפֿן זייער
שווײַגן
האַרט
אין יעדן
וואָרט
פֿון דיר.

אירע
פינגער
זענען
שטום
געפרווירענע
צווייַגן,

אירע
אויגן
קנאָספּן
פראָסטיק
אָן
באַגין:

זי זיצט
אין טיפן
פון
דעם שווייַגן,

ביי
דעם סוף
פון נעכטן:

דער —

וואָס פירט
אין ערגעץ
נישט
אַהין.

בליקן פירן
צו פאַראַלעלן
פון
איינזאַמקייט
און איינזאַמקייט,

צו
דער מידבר
פון פאַרלאָזנקייטן,

צו
דעם בלינדן שרײַ
פון אַלעמענס
פאַרגעסן,

צו
דעם געלן גיפט,

אַרײַנגעטריפט
אין שטומען וואָרטן,

צו
דעם אַש אין חלום,

צו
די בערגן־בעלדזן־
רויכן
אין זכּרון.

אײנזאַמקייט —
פּרי
און שפּעטער
ציטער;

ווערטער —
ווי
דאָס ווערן
ביטערט
ביטער;

נס —
אין נישט,
אין קיין מאָל
נישט,
צעבליט ער;

שרײַ —
אין סוף
און אָנהייב
גליט
און גליט ער;

טעם —
פון וואָרעם
אַ
דערפילטער;

בליק —
פון
לוויה
צו
לוויה
ציט
און ציט ער ;

נײַן —
פון מיר
און דיר
דער אמת
דער צעפּריטער ;

שאָטן —
אייביק
אייביקער
געביטער :

פון
דעם סוף
אָן סופן.

ערב
דעם געשריי
פון בלוט
אין בליקן,

ווען
די פײַער־
ליליעס
האָבן
נאָך
די רגעס
נישט
דערשטאָכן

ווען
די פייגל
האָבן
נאָך
די ווײַטן
נישט
צום טויט
געטראָגן,

איידער
נאָך
דער שאָטן
האָט
דעם גוף
פאַרברענט:

דעמאָלט —

אין
דער צײַט
פון דער
נשמה —

האָסטו
שוין
מסתּמא
אַלץ
געוווּסט.

## ווי

שווייַגן
נאָך
פון קיינעם
נישט
געשוויגן.

ווי
באַשטענדיקייט
פון אַש
אין פייַער.

ווי
דער שוואַרצער
פּאַנטער
אין
די וועלדער
פון
מחשבות.

ווי
דאָס ליכט
וואָס וויל
אַלץ געבן
פון
דעם ליכט
אַ נאָמען.

ווי
די טרערן
אין זכּרון
פון
אַנטדעקער.

ווי
אין ערדגעדריי
דאָס שטאַרבן
און
געבוירן: —

די
פאַרטריבענע
פון גאָט
אין אײַנבילדונג
פון ווערטער.

דײַנע
ליפּן
טרינקען
טונקלס
פֿון
דער נאַכט,

דעם קאַלטן
אָטעם
פֿון
די רגעס
אין
אַנטלויפֿן,

ווינטן
אין
די טויערן
פֿון
די אויגן,

טיפֿן
אויפֿגעמאַכטע
פֿון
דער שטילקייט,
שטילקייט —
אָן
אַ סוף.

שפּעטן
צווישן
איצט
און תמיד: —

שאָטנס
פון
דער שטילקייט,

אין
פאַרגעסן,
אין
געדענקען:

הענט
פון שווײַגן
נעמען
אום
די נעמען.

די שקיעה
וויקלט
זיך אַרום
דײַן האַלדז;

פון אַלע
זײַטן
קומט
צו דיר
די לעצטע
איינזאַמקייט;

שוין
אָטעמט
שווער
דײַן וואָרט;

מיט אויגן
פון
שטאַרבנדיקע
חיות
קוקט
אויף דיר
דער פײַערדיקער
הימל.

ווערטער
זענען
קובר
דעם
דעצעמבער
אין
דײַן שוויַגן;

די
איינזאַמקייט
בליקט
אויף דיר
מיט קאַלטע
אויגן
פון
דעם שניי;

דײַן חלום
מאַכט
זיך פליגל
פון
די לעצטע
זומער־
שטויבן: —

צו דערפליִען
פריִען
פון
נאָך נישט
געוועזן.

בײַ
קוואַלן
פון
געבוירן
ברענט
דײַן דאָרשט;

אויף
צווײַגן
פון
די בליקן
זענען
דײַנע
ווערטער
טויטע
פייגל;

פּחד
טיפּסט
דו אײַן
אין יעדנס
וואַרטן;

מיט
אַ קרוין
פון חשכות
האָט
דיך גאָט
באַקרוינט.

נעמסט
אַרויס
פון גוף
די ווינטן ;

נעמסט
אַרויס
דאָס פײַער
פון
נשמות ;

נעמסט
אַרויס
פון קינדער־
הענט
די וועלטן :

שאָטנלאָזער
שאָטן : —

שפּיגלסט
זיך
אין ערשט
און לעצטן
שרײַען : —

אין
דער קעלט
פון סוף.

## א

דײַן רגע,
דײַן רגע
וואָס איז אים
באַפֿאַלן:

דײַן רגע
אַזוי שווער
ווי די נאַכט.

דײַן רגע,
דײַן רגע
פֿון חשכות
צו חשכות:

פֿאַרגעסן
פֿון זיך שוין
אַליין.

דײַן רגע,
דײַן רגע
אין ווערטער
אין בלינדע:

די ווערטער
וואָס זוכן אים
תּמיד:

ב

דייַן רגע
אין די טריט
פון נעכטן,

אין
דעם ווינט
פון בליקן,

אין
די קעלט
פון פינגער,

אין
דעם גורל
פון אַ רגע:

דער —

וואָס מאַכט
אַפילו
בלינד
דעם וועג
וואָס פירט
פון דיר
צו דיר.

## זי טאַנצט —

זי טאַנצט
פאַרביַי
די שקיעה־
זונען
פון
דערמאָנונג,

לאַנג
פאַרוועלקטע
רויזן
פון
דער פרייד;

זי טאַנצט
מיט נאַכט־
פאַרמאַכטע
ליפּן,

אומגעגנומען
פון
דעם טיפן
שאָטן
פון
דעם איצט;

זי טאַנצט
מיט מידע
בליקן,

איבער
ווײַטן
פון
איר האַרבסט;

זי טאַנצט
אַריבער
ביידע
זײַטן
פון
איר לעבן, —

ווינטן
פון
פאַרגעסן
טאַנצן
מיט איר מיט.

שרײַ,
פּאַרזונקען
אין
דער נאַכט:

דו ביסט
דער שרײַ.

שטיין,
געוואָרפן
האַרט
פון יענעמס
בליק:

דו ביסט
דער שטיין.

וואָרט,
באַפרײַט
פון דעם
באַשאַף:

דו ביסט
דער שאָטן
פון
באַפרײַטן
וואָרט.

ליכט,
פאַרגעסן
ליכט:

דו ביסט
דאָס ליכט.

גוסס־
טרער:

דו ביסט
די טרער.

נישט־אָפּגעטיילטער
יאָ פון ניין:

ווער
צעטיילט
דײַן לעבן
צווישן
יאָ
און ניין? —

טונקל צינדט ער אָן דײַן צער,
טונקל — דער געביטער
און דײַן טראָט צעפּריט ער
מיט דער שפּעט פון לעצטן גזר.

ווען זײַן וואָרט אין דיר פאַרמישט
ווײַטן מיט פאַרשטומען,
ווערסטו קיל דאָס קומען —
קיין באַשאַף דערקענט עס נישט.

פרי אַזוי — פון אָנהייב גאָר,
גאַנצט ער אויס זײַן גאַנצע וואָר
אין דײַן גאַנג און גלויבן —

ביז דו ווערסט ווי רעגן נאָר
פאַר זײַן בלי אין יעדן דור: —
ער — אין אַלץ דערהויבן.

דו — אין אָנהייב בליִען
מיט דער פרייד, דער טרער,
דאָרטן, ווו אין פריִען
כּישופט דער באַגער.

דו — דאָס שפּעטע מיִען:
גײַסט אין גײַסט־באַשער —
גלי פון דמיון — גליִען
און פאַרגליִען שווער.

דו אין אַלץ פאַרוועבן
גאָט־פאַרבונדנקייט:
ווערטער אייביק געבן

אַלצדינג וואָס פאַרגייט
און לסוף דערלעבן
זיך — אין סוף־באַגלייט.

דײַנע ווערטער צינדן ווונדן
אין די אויגן גרויס:
ווונדן — קבֿרדיק פֿאַרבונדן,
ס׳האַרץ דורך זיי רינט אויס.

פֿון די טיפֿע אויגן־ווונדן
שרײַט און שרײַט אַרויס
יענוועלט־שווײַגן, רויט־געצונדן,
קיינער לעשט עס אויס.

מיט די רגעס אינעם בלאָען
קומען זונען פֿון שגעון
מיט דײַן וואָרט, דײַן גלוט: —

ביז אין טיף פֿון אויגן־ווונדן
ווערט דײַן פֿרי הייס־אָנגעצונדן,
שטייט זײַן שפּעט אין בלוט.

וואָס דײַן וואָרט האָט אָפּגעשפּיגלט
ליגט אין שווײַגן, שטומט אין שטיין:
ווי דײַן אויג עס איז פֿאַרזיגלט
אין דעם אָנהייב מיט פֿאַרגיין.

דײַן בראשית וויל דערהאַלטן
ווו די שפּעט נאָר קען דערגיין:
ווו קיין רגע אין געשטאַלטן
טראָגט פֿון דויער זין און מיין.

מיט די טריט פֿון גוט און בייזן —
גײַסט פֿון — יאָ, און גײַסט פֿון — ניין:
קיין דערגאַנצן וועט דערלייזן

וואָס דער סוף דערלייזט אַליין —
אין דײַן אויג וואָס איז פֿאַרזיגלט:
דאָרט — ווו ע ר האָט זיך געשפּיגלט.

די נאַכט קומט אַרויס פון זײַן בליקן,
זײַן וואָרט — עס פאַרטונקלט דאָס בלוט:
באַלד ווערסטו דאָס לעצטע דערקוויקן
פון שאָטן — זײַן פינצטערע גלוט.

אַל דאָס וואָס האָסט לאַנג שוין באַנומען:
דעם — ניין, און דעם — יאָ, און דעם — נאָר,
פאַרלעשט זיך אין גוף — אָן נשמהען,
ווערט שטום ווי אויף פעלדזן דער מאָך.

דײַן אָנהייב איז ווינט פון באַגערן,
דײַן סוף ער איז תמיד דערבײַ:
איידער דאָס זעלביקע ווערן

פון — קום און — פאַרגיי דאָס געשריי:
ווו ווערטער צעפאַלן אין טרערן,
ווו גאָרנישט איז מער שוין כּדאַי.

געפֿורעמט נאָר פֿון דיר אין דײַן געשטאַלט, דײַן בילד,
ער שטראַלט אין אָפּגרונטן פֿון ווײַטע טעג און נעכט
און מיט זײַן וואָרט וואָס ווערט אין דאָרשטן נישט געשטילט,
ער וויל אין דעם באַשאַף ווי דו אויך זײַן גערעכט.

ער וואָרט צו ווערן ווי עס איז דײַן ערשטער זאָג:
מחשבה. מאָס, געזעץ, פֿון אַלץ דער זין־דערלייז —
ער האַלט זיך אָן אין דעם ווי אינעם ערשטן טאָג
און קוואַלט עס טיף אַרײַן אין בליקן קוואַליק־הייס.

צו זײַן נשמה קומט זײַן פּרי און שפּעטע צײַט:
נאָר איינמאָל וויל זי ווערן גאַנץ פֿון איר דערקענט
נאָך איידער זי פֿאַרזינקט אין ים: פֿאַרגענגלעכקייט,

ווי ליכט פֿון טעג און נעכט ווערט אַש אויף טויטע הענט
און אַלצדינג לעשט זיך אויס: די פֿאָרעם, די געשטאַלט,
דאָס וואָרט — וואָס אײַער ביידנס דאָרשט אין זיך דערהאַלט.

ביסט די טיף פון וואָרט,
דער באַשאַף־זכּרון:
דער וואָס איז געוואָרן
נאָנט פון דאָ און דאָרט.

ביסט די ווײַט פון בליק,
דויער אין זיך בײַטן:
צײַט פון אייביק־צײַטן:
אַלץ וואָס קומט צוריק.

ביסט די ריינע מי,
די וואָס איז די מאָסן
פאַר די אַל־פאַר־וואָסן

און דער ערנטפער — זי:
גײַסט פון גײַסט — דורך ווּעמען
ביסט דאָס אַלבאַנעמען.

ביסט פרייד פון יינגסטער רו,
די טרער וואָס מאַכט דיך אַלט,
די ריינסטע מאָס, געשטאַלט,
געטראַנק און טרינקער — דו.

ביסט ווייַן פון ערשטן וואָרט,
געקעלטערט חלום־טיף,
דער זין און איך־באַגריף,
באַשאַף, באַשאַפונגס־אָרט.

ביסט אַלצדינג פונעם גייַסט,
פון אַלץ די אורסובסטאַנץ,
דאָס ליכט, באַוועגונג, טאַנץ,

דער פונקט וואָס שטייט און קרייַזט
און אין דער שפּעט און פרי
פילאָסאָפיע פון מי.

טונקל רוישט די נאַכט אין גאָרטן,
וואָס דערציילט דאָס טונקל רוישן ? —
ווייל די נאַכט אין אַלטן גאָרטן
מיט אַ תּפילה זיך פאַרטוישן.

מיט אַ תּפילה פון אַ קראַנקן
רויט צעגליט פון זײַנע וווּנדן:
ווייל די תּפילה פון דעם קראַנקן
מיט דעם הימל זײַן פאַרבונדן ?

פּחד הילט דעם אַלטן גאָרטן:
חיות מיט דעם בלוט זיך טוישן —
טונקלער ווערט דאָס טונקל רוישן

פון דעם ווילדגעשריי אין גאָרטן
און פון פּחד אָנגעצונדן
רויטער ווערט דאָס רויט פון וווּנדן.

די קאַמעליע תּענוגט,
ווי ס׳תּענוגט יעדער מין:
די קאַמעליע תּענוגט
מיט זון און טוי־צערין.

מיט זונענליכט און טוי
איר לײַב טראָגט אויף אַ שרײַ:
קיין פּריִער ניט געטרוי —
די רגע בלײַב געטרײַ:

די רגע גרויס צעבליצט,
צעמבולט פונעם גלי,
וואָס טראָגט דעם תּענוג — איצט

פון איצט, אין איצט־צעבלי:
די זונען־בליקן־גלוט,
דעם טיפסטן ציטער — גוט.

## צווישן איצט און קיינמאָל

איך גיי מיט זײַן ניגון און זוך אים אַרום
אין פּאַליש פֿון נאַכט און באַגינען,
איך זוך אים אין ווערטער וואָס זענען שוין שטום
און קען נישט מײַן טאַטן געפֿינען.

אַט קום איך פֿון מיט פֿון זײַן ניגון אַרויס
צום מיט פֿון די שטעט און די לענדער:
וואָס זענען די שׂרפֿות אין בליקן דאָ גרויס?
דער ענטפֿער איז אָן אַ פֿאַרענדער:

דער ענטפֿער — ער טראָגט אַלץ אַרײַן אין דער צײַט
וואָס האָט זיך אין אַש דאָ פֿאַרקליבן
און וואָס ער לאָזט איבער מײַן טראָט צום באַגלייט,

זײַן יורש — דעם טויט איז פֿאַרשריבן:
דער ניגון — די נאָענט פֿון גאָט און די ווײַט,
דער ניגון וואָס איז מיר פֿון טאַטן פֿאַרבליבן.

ליבשאַפט — אורפאַרלאַנגען,
איינס מיט זיך און גאַנץ:
ריינע אורסובסטאַנץ —
אַל אין אַל — געגאַנגען.

עיקר צום דערלאַנגען:
וויסן — ליכטגעטאַנץ,
וואָרט אין בליץ־צעגלאַנץ —
אויג — אין זון־געזאַנגען.

הימל — זין־פאַרהאַנגען:
שטערן־אין־סוף־קראַנץ —
אַלץ איז אורסובסטאַנץ,

אַלץ יצירה־קלאַנגען:
ליבשאַפט — אורפאַרלאַנגען —
אייביק־צייַט־דערגאַנץ.

**דודלען**

צום געבוירן־טאָג

בלויער בליק — קינדער־קול:
רעדט זיך דורך, רעדט זיך דורך
וואָרצלען מיטביימערשפּיצן:
אָנהייבצײַט, קינדער־קול,

בלי און פלי — בלײַב נישט זיצן;
פרילינג־אויס, פרילינג־אײַן,
דרײַצן מאָל און דערבײַ —
דאָך, דער עול איז כּדאי;

קינדער־קול, בלויער בליק:
רעדט זיך דורך, רעדט זיך דורך
וואָרצלען מיט ביימערשפּיצן: —

ברענגט אים ברענגט, ברענגט צוריק
דרײַצן מאָל אָט דעם מײַ —
פרילינג — שוין? ביסט פאַרבײַ?

ייעדער בליק פון דײַן נשמה
איז דאָס ליכט פון ערשטן טאָג
און דער סוד פון ערשטן נאָמען
און דער סוד פון ערשטן זאָג.

ביסט דעם חומר גאַנץ משפּיע
ווי דעם דאָרשטיקן — געטראַנק,
ביז ער הייבט זיך אָן צו מיִען
בײַ דער טיף פון דײַן געדאַנק.

תּמיד האַלט דײַן טוונג אָפן
די פאַרצוימטע צײַט פון לײַב,
ביז דאָס גיין דורך אַלע סופן

פירט אַהין צו דײַן: **פאַרבלײַב** —
דאָרט — ווו אַלץ האָט זיך געטראָפן,
אַלצדינג אין באַשאַף־אָנהייב.

מיט פּראָסטיקן אָטעם צעגליִען די ווײַטן
פון שטורעם אין שטורעם דערוואַכטע טיטאַנען;
אויף ריזיקע כוואַליעס זיי רײַטן און רײַטן
פון דונער צו דונער און ווילדע זיי שפּאַנען־

אײַן ווינטן מיט ווינטן — ווינטפלאַמיקע געטער:
און טורעמען אויף טיפן צו וואַסער־פּאַלאַצן
און וואַרפן זיי ווידער צום ווילדן צעשמעטער
און שלאָגן מיט בליצן ווי טאַצן אין טאַצן

און שטײַגן אויף רווישיק צו שטורמען די הימלען
מיט פליגל צעברענטע ווי פײַער־מאַגנעטן
און קומען פון ווײַטן צוריק צום זיך ווימלען

אין ימען צעוויגטע, אין וואַסער־פּלאַנעטן:
און צאָרנדיק זעט גאָט דאָס שטײַגן, דאָס זינקען,
דעם מבול, דעם מבול ווו אַלץ וועט דערטרינקען.

אַ איר העלדישע געשטאַלטן
אין דורותדיקן פּאַרנעם,
ווּ פון תּמיד איז באַהאַלטן
גבורה און קידוש־השם:

אײַך וויל איך העלדישע זינגען
מיט די ליפּן פול פון פּײַן:
קען דער טויט אים נישט באַצווינגען,
מוז יחזקאל יעדער זײַן,

וואָס וועקט דורות פון פאַרלוירן
אינעם טאָל פון אייביק נאַכט,
ווען פון שטערנס, נישט־געבוירן,

בלוטיקט שוין די נײַע שלאַכט:
איר גבורים פון דעם ווילן —
אָנהייב — וואָס וועט נישט פאַרשטילן.

די לאַנדשאַפט איז
שוין אויסגעטראַכט:
דער ווינט וועקט אויף
דעם שטיין —

באַלד וועט
זײַן טוונג־מאַכט
צו אַלץ
דערגיין.

זײַן ערשטער בליק
איז טאָג און נאַכט,
איז ריין:

יהי —
אַלצדינג
זאָל תּמיד זײַן.

אורבאַשאַף — אורחלום:
בראשית־אָנהייב — סוד:
ערשטער בליק — ערשט מאָל אים:
קדמון־זון — פריִע גנאָד.

ליכט — אין ליכט־אויפהאַלטן
אייביק — איצט, ווען און ווו:
זין — אַלזין־געשטאַלטן
אין דעם: איך גרויס דעם — דו.

די מחשבה־וויַיטן —
צייַט אין צייַט — אַלגעבאָט:
בליִען זאָל אין בייטן

פונעם דור בלוי דער טראָט: —
איינציק־אַלץ — פריִע גנאָד:
אורליבשאַפט — אנהייב: סוד.

# אינהאַלט


## א

7 מיר — און די פאַרבן
9 דו — אין אַלע ווערטער
11 חלומסט — קענסט געשטאַלטן
13 אויף דער פלאַך, אָן ווײַטן
15 פּײַל — אין טרוים פון בויגן
17 אָן דעם בלי
19 אין שענק אַרום דעם פידלער
20 טונקל, טונקל אָונטשפּיל

## ב

23 אַ רגע גייט פאַר דיר
24 נעם אים אין געפאַנגענשאַפט
25 ווילד באַפאַלן דיך
26 מיט ליגנט פאַלסט אַרויס
27 ווערטער — ברינעמער
28 וועלכער גאָט
29 אין לעבן
30 קברים
31 די באַשטענדיקייט
33 דײַנע אויגן אָפן
34 דערזע דעם אויגנבליק
36 צווישן דעם געדענקען

## ג

41 ווען די שקיעה טרײַבט
44 דײַנע שפּעטע שעהען
45 ווו די ברוינע בלעטער ליגן
46 מיט דעם שטעקן
47 לאה
49 בליקן
51 באַלד
52 מיט יענער־וועלט־שווײַגן
54 אונטערוועגנס
56 דײַנע בליקן
57 שקיעה
58 מיט דער שטילקייט
59 ער קומט
60 זינט דײַן גוף

## ד

63 האָסט זיך געראַנגלט
64 דײַן פלי
66 אָנגעבונדן צו דעם שווײַגן
68 דאָס אורגעשריי
69 הימלען — גיט אַן עפן
70 אויגן
72 דאָרשט
74 זונען־גלוט
75 פאַלן
77 מיט דעם פאַנטערס שפּרונג
78 ווינטן
79 דײַן נאָמען שרײַבן מיר
80 טרינק זיי אָן
81 פאַרברענטע אויגן
82 ער
83 אומבאַוועגט
84 צום ווינט
85 ווײַטן אויפגעמאַכטע

## ה

89 בשעת די נאַכט
90 מאַמע
91 מתים
92 אירע פינגער
93 בליקן פירן
94 איינזאַמקייט
96 ערב
98 ווי שווײַגן
100 דײַנע ליפּן טרינקען
101 שפּעטן
102 די שקיעה
103 ווערטער
104 בײַ קוואַלן
105 נעמסט אַרויס
106 דײַן רגע
108 זי טאַנצט
110 שרײַ

ו

115 טונקל צינדט ער אָן דײַן צער
116 דו — אין אָנהייב בליִען
117 דײַנע ווערטער צינדן ווונדן
118 וואָס דײַן וואָרט
119 די נאַכט קומט אַרויס
120 געפורעמט נאָר פון דיר
121 ביסט די טיף פון וואָרט
122 ביסט פרייד פון ייִנגסטער רו
123 טונקט רוישט די נאַכט
124 די קאַמעליע תענוגט
125 איך גיי מיט זײַן ניגון
126 ליבשאַפט — אורפּאַרלאַנגען
127 בלויער בליק — קינדער־קול
128 יעדער בליק פון דײַן נשמה
129 מיט פּראַסטיקן אָטעם
130 אָ איר העלדישע געשטאַלטן
131 די לאַנדשאַפט
132 אורבאַשאַף — אורחלום

## פון זעלביקן מחבר

### מיר וועלן נישט פאַרשטומען
(צוזאַמען מיט יאַ מיהאַלי און סטעפאַן העכמלין)
יידישע לידער אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, ציריך,
פאַרלאַג קאַרל פאַזען, 1946

### הערסטו נישט
(יידישע לידער אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע מיט אַ
דייטשישער איבערזעצונג)
ציריך, פאַרלאַג קאַרל פאַזען, 1947

### ממעמקים
(לידער און סאָנעטן)
פּאַריז, פאַרלאַג „די גאָלדענע פּאַווע", 1953

### דאָס ברויט פון צער
(לידער)
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1964

### לחם דוי
(שירים)
הקדמה: דב סדן, מיידיש: עזרא זוסמן
תל־אביב, הוצאת הקיבוץ המאוחד, תשכ"ט

### דאָרשט נאָך דויער
(לידער)
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1970

### ש י ר י ם
מיידיש: יעקב בסר
תל־אביב, הוצאת „עקד", תש"ל

### שתיקת שלגים
(שירים)
מיידיש: יעקב בסר, סוף־דבר: עזריאל אוכמני
תל־אביב, ספרית פועלים, 1977

### לאַנדשאַפט פון גורל
(לידער און סאָנעטן)
תל־אביב, פאַרלאַג „תמיד", 1979

ער איז
דער אמת
פון דעם חלום,
קאָרן
פאַר דעם ברויט
פון אָנהייב,
פליגל
אויפגעוועקט
פון בלויע הימלען;

ער איז
די איינזאַמקייט
פאַרלאָזן
פון דעם לעצטן
נע ונד,
דער אָפּשייד
פון דעם תמיד,
דער געפאַנגענער
אין נעץ פון וואַרטן;

ער איז
ווינטן
מיט די בריוו
אויס נעפּל, שניי
און פראָסט,
דער פרעגצייכן פון רויך
אין אויגן,
ביימער קראַנק
פון הימלס שווײַגן;

ער איז
בליצן
פון געדאַנקען
אויפגעוועקטע
פון פאַרגאַנג,
די בלעטער
פון פאַלנדיקע
רגעס,
יענע־וועלטיקע
ווערטער
אין מחשבות,
טרערן
שוין אין זיך
געפאַלן;

ער איז
איך און דו —
די אָפּגרונטן פון גאָט.

פאַר קלאַראַ